# אַרײַנפֿיר צו דער ייִדישער שפּראַך
## לערנפּלאַן

# Introductory Yiddish
## Syllabus

Isaac Bleaman איציק בלימאַן
isaac@leyenzal.org
Yiddish Farm ייִדיש־פֿאַרם
Summer 2014 2014 זומער

לעקציעס: זונטיק ביז דאָנערשטיק
3.30-1.30 און 5-7 נאָך מיטאָג

**Course description:** The goal of the summer course is to develop the language skills necessary to **thrive in Yiddish** at the farm. The course is appropriate for beginning and intermediate students of Yiddish. During the first two weeks, we will work our way through Lily Kahn's textbook *Colloquial Yiddish*, which will prepare us to cover more advanced grammatical topics and discuss historical and literary texts. After 80 hours of training in class (and hundreds of hours outside of class), students will feel comfortable expressing themselves in both oral and written communication.

**באַשרײַבונג פֿונעם קורס:** דער ציל פֿונעם זומערקורס איז צו אַנטוויקלען די נייטיקע שפּראַך־קענטעניש, כּדי זיך **אויסצולעבן אויף ייִדיש** אויף דער פֿאַרם. דער קורס איז באַשטימט פֿאַר אָנהייבערס און מיטנדיקע סטודענטן פֿון ייִדיש. אין משך פֿון די ערשטע צוויי וואָכן וועלן מיר דורכלייענען לילי כּהנס לערנביכל *Colloquial Yiddish*. דערנאָך דעם וועלן מיר זיך פֿאַרנעמען מיט מער אַוואַנסירטע שפּראַכיקע ענינים און אַרומרעדן היסטאָרישע און ליטעראַרישע טעקסטן. נאָך 80 שעה אין קלאַס (און הונדערטער שעהען אויסער קלאַס) וועט מען זיך קענען אויסדריקן פֿרײַ, סײַ בעל־פּה סײַ בכתבֿ.

## Required materials נייטיקע מאַטעריאַלן

- Kahn, Lily. 2012. *Colloquial Yiddish: The Complete Course for Beginners*. Abingdon, UK: Routledge.
- Weinreich, Uriel. 1968. *Modern English-Yiddish Yiddish-English Dictionary*. New York: YIVO Institute for Jewish Research.
- Supplementary materials that Isaac will prepare - באַלייט־מאַטעריאַלן וואָס איציק וועט צוגרייטן

## Daily schedule דער צײַטפּלאַן

דער סדר־היום: (א) = זיך אָנוואַרעמען; (ב) = גראַמאַטישע און אַנדערע טעמעס; (ג) = וואָקאַבולאַר; (ד) = היימאַרבעט
Daily schedule: (א) = warm-up; (ב) = grammar and other topics; (ג) = vocabulary; (ד) = homework

## 1 די ערשטע וואָך, דעם 16טן ביזן 20סטן יוני

### מאָנטיק

(א) **זיך אָנוואַרעמען:** *שלום־עליכם!* באַגריסונגען, זיך באַקענען אויף ייִדיש.

(ב) **טעמעס:** איבערחזרן דעם ייִדישן אַלף־בית. פּראָנאָמען. קאָניוגירן רעגולערע ווערבן. „אַז דער רבי זינגט“. די ווערבן *זײַן* און *האָבן*. סובסטאַנטיוון מיטן אומבאַשטימטן אַרטיקל *אַ(ן)*. שטעלן פּשוטע פֿראַגעס. „בולבעס“.

(ג) **וואָקאַבולאַר:** באַגריסונגען. די טעג פֿון דער וואָך. שפּראַכן. לענדער. *וואָס, ווען, ווו*....

(ד) **היימאַרבעט:** שרײַב איבער דאָס ליד „בולבעס“ מיט דער האַנט. געניטונגען 2, 4 (זז' 23-24). מאַך פֿראַגעס פֿון די זאַצן אין געניטונג 2 (ז' 23). געניטונגען 5, 6 (ז' 28). געניטונגען 1, 3 (ז' 36).

### דינסטיק

(א) **זיך אָנוואַרעמען:** „בולבעס“. וואָסערע שפּראַכן רעדט מען ווו?

(ב) **טעמעס:** די באַשטימטע אַרטיקלען *דער-די-דאָס-דעם.* מערצאָל פֿון סובסטאַנטיוון. וועגן *ני(ש)ט* און *קיין.* די קאָנסטרוקציע *איז/זײַנען דאָ.* ליב/פֿײַנט האָבן. די ווערבן *וועלן, טאָן, וויסן, געבן.* ענדונגען בײַ אַדיעקטיוון. אַדווערבן.

(ג) **וואָקאַבולאַר:** אין דער היים. דימינוטיוון.

(ד) **היימאַרבעט:** געניטונגען 5, 6 (ז' 43). געניטונגען 1, 2 (ז' 48). געניטונג 5 (ז' 54). געניטונג 1, 3 (ז' 62). געניטונג 5 (ז' 68).

### מיטוואָך

(א) **זיך אָנוואַרעמען:** באַשרײַב דײַן בײַדל („באַנגעלאָ“).

(ב) **טעמעס:** בייגפֿאַלן (נאָמינאַטיוו, אַקוזאַטיוו, דאַטיוו - ז' 92). פּראָנאָמען און נעמען אין אַקוזאַטיוו און דאַטיוו. דער פּראָנאָם *מען.* פּרעפּאָזיציעס + *דעם.* פּאָסעסיווע פּראָנאָמען. ציילן 0-100. ווי אַלט ביסטו? וויפֿל איז דער זייגער?

(ג) **וואָקאַבולאַר:** משפּחה־גלידער. ציפֿערן 0-100.

(ד) **היימאַרבעט:** געניטונגען 1, 2, 3 (זז' 76-77). געניטונג 2 (ז' 109). געניטונג 5 (ז' 85). געניטונג 7 (ז' 86). געניטונגען 1, 2 (ז' 94). געניטונג 3 (ז' 95). געניטונגען 6, 7 (ז' 102).

### דאָנערשטיק

(א) **זיך אָנוואַרעמען:** מאַטעמאַטיק אויפֿן טאָוול. ווו וווינען דײַנע קרובֿים?

(ב) **טעמעס:** דער אימפּעראַטיוו. מאָדאַלע ווערבן. די פֿאַרגאַנגענע צײַט (מיט *האָבן* און *זײַן*). דער ווערב *פֿלעגן.* די קאָנסטרוקציע *מיט ... צוריק.* די ווערבן *גיין* און *פֿאָרן* מיט די פּרעפּאָזיציעס *קיין, אין, צו, אויף.* די ווערטער *דאַנען, וואַנען...*

(ג) **וואָקאַבולאַר:** קליידער. עסנוואַרג, אין קיך. פּאַרטיציפּן.

(ד) **היימאַרבעט:** געניטונג 1 (ז' 109). געניטונג 3 (ז' 114). געניטונג 1 (ז' 123). געניטונג 3 (ז' 124). געניטונג 1 (ז' <u>224</u>). געניטונגען 1, 2, 3, 4 (זז' 140-141).

## 2 די צווייטע וואָך, דעם 22סטן ביזן 26סטן יוני

### <u>זונטיק</u>

(א) **זיך אָנוואַרעמען:** וואָס האָסטו געטאָן דעם סוף־וואָך? (היט זיך: *האָבן* אָדער *זײַן*, מיט די געהעריקע פּרעפּאָזיציעס)

(ב) **טעמעס:** אָרדינאַלע ציפֿערן. מאַכן אַ קאָנטראַסט מיט *יאָ*. גרעסערע ציפֿערן און דאַטעס. סובסטאַנטיוון פֿון *מײַן, דײַן...* און *איינער/קיינער*. אַדיעקטיוון פֿון ערטער. די קומעדיקע צײַט. די קאָנסטרוקציע *אין ... אַרום*. דער סוביעקט *עס/סע*. דער ווערב אויפֿן צווייטן אָרט. דאָס און יענץ.

(ג) **וואָקאַבולאַר:** דער וועטער. דער לוח.

(ד) **היימאַרבעט:** געניטונגען 4, 5 (ז׳ 129-130). געניטונג 8 (ז׳ 148), *שרײַב דײַנע ענטפֿערס*. געניטונג 1 (ז׳ 156). געניטונג 4 (ז׳ 158). געניטונג 5 (ז׳ 164).

### <u>מאָנטיק</u>

(א) **זיך אָנוואַרעמען:** גרויסע היסטאָרישע געשעענישן (מיטן ווערב אויפֿן צווייטן אָרט!).

(ב) **טעמעס:** פֿאַרגלײַכן מיט אַדיעקטיוון און אַדווערבן (קאָמפּאַראַטיוו, סופּערלאַטיוו). *צו* פֿאַרן אינפֿיניטיוו. ווערבן מיט פּרעפֿיקסן. ווערבן מיטן סופֿיקס *-ירן*. אויסמײַדן דעם אַרטיקל נאָך פּרעפּאָזיציעס. ווערבן מיט *זיך*. פּרײַזן.

(ג) **וואָקאַבולאַר:** מוזיק. נאַציאָנאַלע וואַלוטעס.

(ד) **היימאַרבעט:** געניטונגען 1, 2, 3 (ז׳ 170-171). געניטונג 4 (ז׳ 144). געניטונגען 1, 2 (זז׳ 185-186).

### <u>דינסטיק</u>

(א) **זיך אָנוואַרעמען:** אין געשעפֿט (*אַ שפּיל*)

(ב) **טעמעס:** דער קאָנדיציאָנאַל. קאָנווערבן. דאָס וואָרט *אַנדער*. רעלאַטיווע בײַזאַצן. פּעריפֿראַסטישע ווערבן.

(ג) **וואָקאַבולאַר:** די אינטערנעץ. פּעריפֿראַסטישע ווערבן.

(ד) **היימאַרבעט:** געניטונג 1 (ז׳ 197). געניטונגען 1, 2 (ז׳ 212). געניטונג 7 (ז׳ 206). געניטונג 3 (ז׳ 217). געניטונגען 4, 5, 6 (זז׳ 217-218).

### <u>מיטוואָך</u>

(א) **זיך אָנוואַרעמען:** געניטונג מיט פּעריפֿראַסטישע ווערבן.

(ב) **טעמעס:** דער ייִדישער פּאַסיוו. קאָנסטרוקציעס אין דאַטיוו. צילזאַצן מיטן ווערב *זאָלן*. **<u>סיום־הלערנביכל</u>: מיר האָבן פֿאַרענדיקט, נאָר מיר שטעלן זיך קיין מאָל נישט אָפּ!** די ווערטער *ליב האָבן, געפֿעלן, שמעקן*. דימינוטיוון (אי סובסטאַנטיוון אי אַדיעקטיוון). וועגן *נאָך, מער, מער ני(ש)ט*. די ווערבן *לייגן-ליגן, שטעלן-שטיין, זעצן-זיצן*.

(ג) **וואָקאַבולאַר:** „יאָמע״. זלמן שניאורס „מאַרגאַריטקעלעך״. אַהרן צייטלינס „מײַדאַנעק״.

(ד) **היימאַרבעט:** געניטונגען 4, 5 (ז׳ 229). געניטונגען פֿון College Yiddish. רעציטירן.

### <u>דאָנערשטיק</u>

(א) **זיך אָנוואַרעמען:** רעציטאַציעס.

(ב) **טעמעס:** פּאַרטיציפּן אין דער איצטיקער צײַט. ייִדישע דיאַלעקטן. איבערחזרן דעם מאַטעריאַל פֿון די פֿאַרגאַנגענע צוויי וואָכן - פֿראַגעס? י.־ל. פּרצעס „דער אוצר״ (אין שבֿע צוקערס לערנביכל, ב׳ 2, דאָס 15טע לעקציע).

(ג) **וואָקאַבולאַר:** ביאַליקס „די ווערבע״. נײַע ווערטער אין „דעם אוצר״.

(ד) **היימאַרבעט:** געניטונגען - פּאַרטיציפּן אין דער איצטיקער צײַט. קורצע אַרבעט וועגן „דעם אוצר״.

## 3 די דריטע וואָך, דעם 29סטן יוני ביזן 3טן יולי

### <u>זונטיק</u>

(א) **זיך אָנוואַרעמען:** זינגען די לידער וואָס מיר קענען שוין.

(ב) **טעמעס:** אַספּעקטן פֿון ייִדישן ווערב. (*אַ - טאָן/געבן, האַלטן אין..., האַלטן אין איין..., נעמען ...*). צונויפֿהעפֿטן, צוויי סובסטאַנטיוון נאָך אַנאַנד.

(ג) **וואָקאַבולאַר:** ווערבן ווערבן ווערבן. „פּאַרטיזאַנער־הימען“.

(ד) **היימאַרבעט:** געניטונגען - אַספּעקט. געניטונגען - צוויי סובסטאַנטיוון נאָך אַנאַנד.

### <u>מאָנטיק</u>

(א) **זיך אָנוואַרעמען:** „פּאַרטיזאַנער־הימען“.

(ב) **טעמעס:** *שטאָף־אַדיעקטיוון.* סובסטאַנטיוון פֿון צײַט. אָנגייענדיקע טוונג. צײַטן אין אומדירעקטן בײַזאַץ. פּאַרטיציפּן ווי אַדיעקטיוון.

(ג) **וואָקאַבולאַר:** ריכטונגען.

(ד) **היימאַרבעט:** געניטונגען פֿון שבֿע צוקערס לערנביכל, ב׳ 2.

### <u>דינסטיק</u>

(א) **זיך אָנוואַרעמען:** איבערחזרן וואָקאַבולאַר (אַ שפּיל)

(ב) **טעמעס:** (*שבֿע* צוקערס צוואַנציקסטע לעקציע, צווייטער טייל, באַנד 2) די צווייטע קאָניוגאַציע. איבערבליק איבערן ייִדישן אויסלייג. דער פּרעפֿיקס *צע-*.

(ג) **וואָקאַבולאַר:** ווערבן פֿון סלאַווישן אָפּשטאַם. בדחנות.

(ד) **היימאַרבעט:** געניטונגען פֿון דער צוואַנציקסטער לעקציע.

### <u>מיטוואָך</u>

(א) **זיך אָנוואַרעמען:** זאַצן מיט *זיך צע-* אין אַלע צײַטן.

(ב) **טעמעס:** אַקוזאַטיוו מיטן אינפֿיניטיוו. פּאָסטפּאָזיציעס. די קאָנסטרוקציע *פֿון/פֿאַר ... וועגן.*

(ג) **וואָקאַבולאַר:** זלמן רייזענס „אָן ליבע“. צילה דראָפּקינס „ווײַס ווי דער *שניי*“.

(ד) **היימאַרבעט:** געניטונגען (איציק וועט זיי אַרומשיקן).

### <u>דאָנערשטיק</u>

(א) **זיך אָנוואַרעמען:** רעציטאַציעס.

(ב) **טעמעס:** די ווערטער *זשע* און *טאָ*. דער טויטאָלאָגישער אינפֿיניטיוו. אַדווערבן מיט די סופֿיקסן *-ערהייט* און *-ווײַז*. רעלאַטיווע פּראָנאָמען מיטן וואָרט *ני(ש)ט*. אַדווערבן מיטן פּרעפֿיקס *דער-*.

(ג) **וואָקאַבולאַר:** י.־ל. פּרצעס אַ דערציילונג (אַדאַפּטירט). לידער פֿון איציק מאַנגערן.

(ד) **היימאַרבעט:** פֿראַגעס צום לייענוואַרג.

## 4 די פֿערטע וואָך, דעם 6טן ביזן 11טן יולי

### זונטיק

(א) **זיך אָנוואַרעמען:** TBA.

(ב) **טעמעס:** נישט־בייגעוודיקע אַדיעקטיוון. בראָכצאָלן. דער מין פֿון סובסטאַנטיוון (ניצלעכע גענעראַליזירונגען). שרײַבן בליצבריוו.

(ג) **וואָקאַבולאַר:** אַדיעקטיוון פֿון סלאַווישן אָפּשטאַם. (בליצ)בריוו־וואָקאַבולאַר.

(ד) **היימאַרבעט:** געניטונגען (איציק וועט זײַ אַרומשיקן). בריוו־אויסטויש מיט אַ צווייטן סטודענט. טרעף זיך מיט איציקן כּדי אויסצוקלײַבן אַ טעמע אויף אַ רעדע.

### מאָנטיק

(א) **זיך אָנוואַרעמען:** גראַמאַטישער מין פֿון סובסטאַנטיוון (אַ שפּיל)

(ב) **טעמעס:** די לאַנגפֿאַרגאַנגענע צײַט. די צווייטע קומעדיקע צײַט. אַנדערע שפּראַכיקע טעמעס TBA.

(ג) **וואָקאַבולאַר:** TBA.

(ד) **היימאַרבעט:** גרייט צו די רעדעס.

### דינסטיק

(א) **זיך אָנוואַרעמען:** גראַמאַטישער מין פֿון סובסטאַנטיוון... אין זאַצן מיטן ווערב אויפֿן צווייטן אָרט! (אַ שפּיל)

(ב) **טעמעס: רעדעס: דער ערשטער טאָג.** (נאָך דער רעדע זאָל דער רעדנער אָנפֿירן מיט אַ לעבעדיקער דיסקוסיע. די סטודענטן וואָס זיצן אין עולם זאָלן זײַן גרייט צו שטעלן פֿראַגעס.)

(ג) **וואָקאַבולאַר:** נײַע ווערטער פֿון די רעדעס.

(ד) **היימאַרבעט:** גרייט זיך צו צום עקזאַמען.

### מיטוואָך

(א) **זיך אָנוואַרעמען:** זינגען. אַ ווערטערשפּיל.

(ב) **טעמעס: רעדעס: דער צווייטער טאָג.**

(ג) **וואָקאַבולאַר:** נײַע ווערטער פֿון די רעדעס.

(ד) **היימאַרבעט:** גרייט זיך צו צום עקזאַמען.

### דאָנערשטיק

(א) **סוף־זומער־עקזאַמען.** ווערטערשפּילן. דערגרייכן אַ „ייִדיש ייִדיש“.